## דברים חוצבים להבות אש - אודות סכנת הקאמפיוטער וכל המסתעף

# מכ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

### בסעודת הילולא של מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע ביום כ"ו אב שנת תש"ע לפ"ק

## דער געפערליכער חורבן

ס'איז שוין אסאך געזאגט געווארן, און אסאך גערעדט געווארן, וועגן די נגע פון קאמפיוטערס, און די געוואלדיגע היזקות וואס דאס איז גורם, שרעקליכע חורבנות אין אידישע הייזער, פשוט ס'איז מאבד נפשות ישראל רחמנא ליצלן עד שאול תחתית. ס'נעמט ארום בחורים, ס'נעמט ארום אברכים, און אין עזרת נשים אויך, און אפילו ביי ערוואקסענע, און דאס איז נוגע גאנץ כלל ישראל אין אלע קרייזן.

אלע רבנים, אלע ערליכע אידן, אלע מחנכים, אלע שרייען און וויינען אויף דעם מורא'דיגן חורבן וואס פאסירט יעדן טאג. טאג טעגליך פאלן קרבנות, **בעוה"ר ווערט מקוים די דברי תוכחה, בניך ובנותיך נתונים לעם אחר ועיניך רואות וכלות אליהם כל היום ואין לאל ידיך.**

דער מכה פון די קאמפיוטער'ס ווערט ליידער צושפרייט און פארברייטערט יעדן חודש אין פרישע הייזער, ס'איז דא א געוואלדיגע יצר הרע אויף דעם, ס'האט א געוואלדיגע משיכה, און 'אין לדבר סוף', דער כח פונעם יצר איז איום ונורא, און ס'איז פארבלענדעט מענטשן, וואוילע אידן ערליכע אידן, מען מיינט אז ביי מיר וועט גארנישט געשען, אבער די היזקות און די תוצאות זענען שרעקליך.

## בדידיה הוה עובדא

עס איז אריינגעקומען א אינגערמאן צו מיר, און ער באקלאגט זיך אז ער קען נישט לערנען, ער קען נישט דאווענען, ער האט זיך ממש אויסגעוויינט, אז ער האט זיך אזויפיל אנגעזען אז די בילדער לויפן אים נאך, ס'שטערט אים טאג טעגליך. איך האב אים געפרעגט, ווי האסטו דאס געזען? האט ער מיר מודה געווען אז ער האט דאס געזען אויפן קאמפיוטער.

האב איך אים געפרעגט, ווי האסטו געהאט א קאמפיוטער? זאגט ער, ביי מיין טאטן אין שטוב. איך האב אים אנגעקוקט, דיין טאטע? (מ'רעדט פון א איד וואס קען יעצט זיצן דא אין ביהמ"ד). האט ער מיר געזאגט יא! מיין טאטע האט געהאט א קאמפיוטער, און מיט אלע קונצן האט ער עס פארשלאסן, **איך בין אבער קלוגער געווען פון מיין טאטן, איך האב אים איבערגעקלוגט, און ווען ער איז נישט געווען אינדערהיים האב איך עס געעפנט, און איך האב געקוקט וואס איך האב געוואלט.**

דער אינגערמאן האט ממש געוויינט, ער איז געווען צובראכן, ער איז אביסל עלטער געווארן און איינגעזען זיין בראך.

## דריי סארט קאמפיוטער באנוצער

מיר האבן געהאט א אסיפה פון מענטשן וואס זענען עוסק אין חינוך און אין צניעות וקדושת בתי ישראל, וואס טוט מען דא? יעדער וויינט! אדער קען מען אויפהייבן די הענט מיט א יאוש, און זאגן ס'איז פארפאלן, און לאזן דעם יצה"ר חלילה איבערנעמען וויפיל ס'גייט, נאך א שטוב און נאך א שטוב

אונז האב מיר באשלאסן, אונז זעמיר זיך נישט מייאש, מען מוז עפענען א שטארקן פראנט, א מלחמה כבידה, גודר זיין גדר, און זאגן פארן מלאך המשחית גענוג!

מען מוז אביסל רעדן פון דעם ענין באריכות, דער פראבלעם צעטיילט זיך אין דריי חלקים:

א) ס'איז דא אידן לומדי תורה און אפילו מחברי ספרים, וואס דארפן דאס האבן נאכצוקוקן מקורות, היינט איז די טעכניק אזוי פארגעשריטן, ממילא די דארפן דאס האבן צום לערנען, דאס איז איין חלק.

ב) נאכדעם איז דא אנדערע אידן, בעלי בתים וואס זענען עוסק אין מסחר, די דארפן דאס האבן כדי צו פירן די געשעפטן, חשבונות מיט די סחורות מיט די מוכרים און די קונים, און היינט גייט א גרויסער טייל מסחר מיט דעם, דאס איז די צווייטע קאטעגאריע.

ג) א דריטע קאטעגאריע, וואס האבן דעם קאמפיוטער פאר פארוויילונג, מען קען אריינלייגן פארשידענע שפילערייען, ס'איז זייער אינטערעסאנט, מען האלט מיט די וועלט נייעס, איך דארף אייך נישט זאגן, יעדער ווייסט דאס בעסער פון מיר. א ענין וואס ס'איז זייער אינטערעסאנט פאר יונג און פאר אלט.

## דער חורבן און אינטערנעט

דער נביא ירמיה איז מקונן (ח כג) מי יתן ראשי מים ועיני מקור דמעה ואבכה יומם ולילה את חללי בת עמי, ליידער דארף מען וויינען טאג און נאכט, אויף די חללים וואס זענען נעבעך געפאלן דורך די קאמפיוטער.

אפילו די קאמפיוטערס וואס זענען נישט מחובר צום אינטערנעט, ס'האט גארנישט קיין שייכות, דער טאטע איז אזוי באווארנט ער האט נישט קיין אינטערנעט, ער האט דעם קאמפיוטער נאר פאר תורה, ער שרייבט תורה, ער קוקט נאך תורה, ער לערנט תורה ער נוצט עס פאר תורה.

מען האט מיר אריינגעברענגט די וואך פארשידענע כלים, וואס מען קען נוצן צו די קאמפיוטער'ס, איך האב אליין נישט געוואוסט וואס ס'איז אלץ דא, מען קען נעמען יעדע קאמפיוטער און צולייגן דערצו א שטיקל, און ס'איז שוין מחובר צום אינטערנעט.

אפילו ס'איז נישטא קיין אינטערנעט אין שטוב, איז דא א קליינע כלי וואס מען לייגט דאס ארויף אויפן טיש, אויב איז דא ארום דעם שטח אינטערנעט איז מען שוין צוגעטשעפעט צו יענעם'ס אינטערנעט, אפילו מען האט נישט אליין. א איד מיינט אז ער האט נישט קיין אינטערנעט, ס'דא א קליין מאשינדל וואס מען לייגט אראפ, און ס'איז שוין דא אלעס.

**די יונגווארג זענען רעפענירט, זיי זענען נישט קיין בטלנים, און קענען זיך אויס מיט די מאשינערי און די אלע ענינים, און זיי וייסן ווי אזוי ארומצודרייען און איבערצוקלוגן דעם טאטן צוואנציג מאל.**

איך וויל זאגן פאר דעם בעל תורה, דער מחדש חידושים, ער מאכט א חיבור אויף תורה, און ער האט די כלי ווייל ער קוקט נאך און ער איז זיך מסדר זיינע ענינים, זאלסט וויסן ווען דו ביסט נישט אינדערהיים, ביסטו מפקיר די נפשות פון דיינע אייגענע קינדער ממש ביז שאול תחתית, און קיינער איז נישט באווארנט.

ס'איז דא א שיין ווארט אין דברי יואל פ' שופטים, אויפן פסוק לא ימצא בך מעביר בנו ובתו באש, ער שטעלט זיך אויפן ווארט לא ימצא, וואס הייסט ס'זאל זיך נישט געפונען. ער ברענגט צו דעם באקאנט ווארט פון ישמח משה (תפלה למשה מזמור קי"ט) יגעתי ומצאתי תאמין, אז ס'איז דא א יגיעה איז שפעטער דא א מציאה, זאגט ער ביי קינדער איז אויך אזוי, אויפאיינמאל געפינט מען נעבעך א קינד וואס איז אזוי אדוק אין עבודה זרה, דאס איז ווייל פריער איז נעבעך געטון געווארן פעולות, דער טאטע איז נישט נזהר געווען מתחילתו, נאכדעם קומט דאס במציאה.

**מורי ורבותי, די זאכן קומען במציאה בהיסח הדעת, קיינער וויל נישט איינשטעלן, קיינער וועט נישט האבן א אנגעלאדנטער רעוואלווער ביי זיך אין שטוב, און טראכטן אז קיינער וועט דערמיט גארנישט טון. ער האט א רעוואלווער, ער האט א באמבע ביי זיך אינדערהיים!**

יעדער תופס ישיבה סיי פון גרויסע בחורים און סיי פון יונגערע בחורים, יעדער מחנך, יעדער רב אדער דיין וואס האט א קהלה מיט מענטשן, ווייסט אז ס'פאלן

וועכנטליך קרבנות, פרישע קרבנות, וואס זענען געווען ערליכע אידן וואוילע אידן בעלי בתים חשובים, און ס'האט זיך אויך נאר אנגעהויבן מיט דעם אז מען האט עס געדארפט פאר תורה צו פאר מסחר, היינט זענען דא אסאך אידן וואס באוויינען זייערע קינדער מיט ביטערע טרערן, ס'איז דא אידן וואס וויינען נעבעך אז בניך ובנותיך נתונים לעם אחר.

און דאס איז ווען מען דארף עס נאך האבן פאר א צוועק, פאר תורה צו פאר געשעפטליך, וואס זאלן שוין זאגן די וואס דארפן דאס האבן פאר פארוויילונג, כדי צו שפילן, די קינדער זאלן זיך שפילן. אז די קינדער הייבן זיך אן צו שפילן, ווערן זיי צוגעבינדן צו דעם, מען קען זיך גארנישט נישט פארשטעלן, מען איז טועם טעמא דאיסורא, און דאס פירט אים נעבעך אראפ זייער ווייט, און נישט נאר אים, נאר זיין חבר אויך.

נישט לאנג האב מיר גערעדט מיט א בחור, וואס דער פאטער האט געהאט אין שטוב א קאמפיוטער, און ער האט זיך צוגעלערנט ווי אזוי מען נוצט עס, ער האט זיך צוגעשטעפעט צו דעם, און ער האט זיך דערנאך פארשאפט א אייגענע קאמפיוטער, ער האט זיך פארשאפט א מקום, און דאס האט געשאדט פאר אים און פאר די חברים, זייער ביטער, דער פאטער וויינט היינט, ער ווייסט שוין היינט זיין מצב.

**דו ביסט דאך שולדיג!, דו האסט דאך עס אריינגעברענגט ביי דיר אין שטוב!, ס'איז אים נישט בייגעפאלן אז זיין קינד וועט זיך אויך אנטשעפענען אין דעם.**

## תקנה גדולה שנו כאן

איך וויל דא זאגן אזוי:

דער פעטער ז"ל זכותו יגן עלינו האט אהערגעשטעלט קרית יואל פאר א הייליג שטעטל, ער האט דאס אויפגעבויט אויף יסודות פון קדושה און טהרה, ער האט דאס אהערגעשטעלט אז מען זאל מחנך זיין א חינוך קדוש וטהור.

ס'איז דא הונדערטער משפחות היזיגע תושבים, וואס זיי זענען מחנך זייערע קינדער, און געבן אכטונג אויף זייערע קינדער מיט א שמירה מעולה, און זיי קומען מיט א טענה נכונה, אונז האב מיר נישט קיין קאמפיוטער אינדערהיים, ווי וויכטיג ס'זאל נישט זיין, ווילן מיר דאס נישט אריין נעמען, אונז פאדער מיר אז אינעם מוסד החינוך זאל נישט אריין קומען א קינד וואס ביי זיי אין שטוב איז דא א קאמפיוטער, ווייל ס'שאדט פאר אים און סשאדט פאר זיינע חברים.

א קינד קומט אין חדר אדער אין מיידל שולע און פארציילט מיט א התפעלות וואס ער האט אלס געזען, און דאס רייצט אויף איינעם דעם צווייטן, און אזוי איז דער נגע מתפשט, איז מען געקומען צו א החלטה - בנוגע דא אין קרית יואל - **אז פון היינט און ווייטער זאל יעדער איינער וויסן, די כלי איז בבל יראה ובבל ימצא אין א אידישע שטוב, בשום אופן! אפילו מען דארף עס פאר תורה, אפילו מען דארף פאר מסחר, יהיה מה שיהיה!**

טאמער איינער דארף עס פאר נייטיג, זאל ער זיך מסדר זיין א עקסטערע מקום אוועק פונדערהיים. - איך האב גערעדט דא מיט די עוסקים במלאכת הקודש, אז מען זאל מסדר זיין א מקום פארן רבים, וואס יעדער וואס דארף דאס האבן, פאר זיינע מסחרים צו פאר תורה, ער זאל קענען זיין צוגעטשעפעט דערצו, און דאס זאל זיין אויף א מקום מיוחד פאר בעלי בתים פאר בעלי תורה, און מען וועט מסדר זיין א מקום אז יעדער וואס דארף עס זאל דאס קענען האבן.

**איך ווייס אז אונז גיי מיר אריין אין א שווערע מלחמה, אין א שווערע ארבעט, אבער מיר האבן נישט קיין ברירה, אז מען וויל אפראטעווען די קינדער די אייניקלעך, מוז מען טון די ריכטיגע פעולות, גודר גדר זיין אין אזא דור פרוץ, מען זאל קענען מוסיף זיין תוספות קדושה מיט תוספות טהרה.**

**איך וויל בעטן אז קיינער זאל עס נישט האלטן פאר גרינג, ס'ווערט אנגעזאגט פאר די הנהלת המוסדות, אז ווער ס'וועט נישט פאלגן וועט נישט האבן קיין פלאץ פאר זיינע קינדער ביי אונז אין מוסד החינוך, והיה מחנינו קדוש.**

איך וויל בעטן די עסקנים זיי זאלן זיך ארייליגן און זען מסדר זיין די אלע ענינים, ובעזר שמו הגדול וועט מען מצליח זיין, און דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל קענען אויפטון לכבוד שמו יתברך, מען זאל קענען מגדל זיין די קינדער על דרך התורה והיראה אזוי ווי דער דרך וואס דער פעטער ז"ל האט אונז געלערנט, מגדל זיין דורות ישרים ומבורכים צו תורה און יראת שמים און צו מדות טובות עד ביאת הגואל.

*

## וכלים מכלים שונים

### דברות קודש לתלמידי הישיבות ביום כ"ו אב קודם עלי' לציון

מען האט נעכטן גערעדט צו בעלי בתים, און איך וויל יעצט רעדן ספעציעל צו די בחורים:

**איך וויל אייך זאגן בחורים, ס'ברענט א פייער!, א פייער פונעם יצה"ר!, ס'איז מכלה מנפש ועד בשר, דורך די פארשידענע כלים וואס איז דא.**

א בחור זאל וויסן, דאס איז א קליינטשיגע כלי, - דער מדרש ברענגט אז בשעת דעם חורבן האט מען ארומגעטראגן עבודה זרה בחיקו, אין טאש האט מען געהאט א קליינע עבודה זרה. ס'איז שווער היינט צו פארשטיין, אבער די דריי גרויסע עבירות זענען איינע, עבודה זרה גילוי עריות ושפיכות דמים, **מען קען זיך ארומטראגן מיט גילוי עריות בחיקו, און מען ווערט אזוי פארדארבן, ממש ס'פירט אראפ פון אידישן וועג**, ס'דאכט זיך אז ס'איז א קלייניגקייט, א שפילעכל, ס'איז גארנישט, אבער מען הייבט אן מיט א קוועטש מיטן פינגער, און רחמנא ליצלן ווי מען קומט אן, רחמנא ליצלן ווי טייל זענען שוין אנגעקומען!, ס'איז נישט גוט צו טראכטן ווי זיי געפונען זיך שוין, זיי געפינען זיך שוין אין זייער א ביטערן מצב, און זיי זענען שוין נישט קיין בעלי בתים איבער זיך, ער איז שוין נישט קיין בעל הבית, דער יצה"ר פירט אים שוין ל"ע עד שאול תחתית, ועד בכלל.

**איך וויל ענק בעטן, שמעו נא דברי, חלילה וחלילה צורירן צו איינע פון די, ס'האט פארשידענע נעמען, און אפילו די וואס מען רעדט זיך איין אז מען האט עס פאר תורה צוועקן, צו הערן תורה.**

**זייט מתן תורה האבן אידן געלערנט תורה, און מ'איז אויסגעוואקסן תלמידי חכמים ערליכע אידן אן די כלי!. נישט מיט דעם וועט מען ווערן א תלמיד חכם.**

ס'איז שווער צו זאגן יעדן איינעם בפרטיות, ווייל די כלים ווערן נשתנה מיום ליום, און פארגעשריטן, אבער וויסן זאל מען, נישט צורירן צו דעם, און ווען מען זעט א צווייטן, זאל מען דעם צווייטן פארהאלטן, און אדרבה גיין פארציילן, מען איז מציל א נפש מישראל, מען טוט אים א געוואלדיגע טובה, דורכדעם וואס מען קען יענעם מעורר זיין, דער חמץ - דער יצר הרע דער שאור שבעיסה- זאל נישט זיין ברשותו.

זייט ענק מקבל דאס יעצט איידער מען גייט ארויף, מען זאל ארויפגיין מיט א ערנסקייט, מיט א פעסטע קבלה, איך וויל זיין א ערליכער בחור, איך וויל זיצן און לערנען, און איך וויל דאווענען, איך וויל דינען דעם באשעפער, און איך וויל נישט באלאנגן פארן יצה"ר, איך וויל באלאנגן צווישן ערליכע אידן, אפגעהיטענע אידן, חסיד'ישע אידן, וואס זיי טוען דעם רצון ה', און פרובירן עכ"פ צו טון דעם רצון ה', און האבן א חשק צו דינען דעם באשעפער.

איך וויל זיין א עבד לה', איך זאל האבן די זכיה, איך זאל זיין ערליך, איך זאל האבן די זכיה צו טון א ערליכן שידוך, איך זאל האבן די זכיה אויפצושטעלן א ערליכע אידישע שטוב, א חסיד'ישע שטוב, און האבן ערליכע און חסיד'ישע קינדער, יעדער בחור מעג שוין אינזין האבן זיך און די צוקונפטיגע צוואנציג יאר און נאך שפעטער. דער אייבערשטער זאל העלפן, אז די תפלות ישראל זאלן נתקבל ווערן פון אלע אידן.

לע"נ האשה מרת מרים ב"ר יצחק אייזיק הלוי ע"ה - ח' אלול •• **אינו דומה קריאה לשמיעה:** הערט די פלאמפייערדיגע דרשה אויף קול סאטמאר **1718 305 6942 #44103 #44104**